בס"ד

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

257 | פרשת ויגש | תשע"ט

## מאוצרות אמונים
פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### די תפילה איז אנגעהאנגען וויאזוי מ'רעדט עס ארויס

"יְדַבֶּר נָא עַבְדְּךָ דָבָר בְּאָזְנֵי אֲדֹנִי" (מד יח)

די ווערטער פון יהודה: "יְדַבֶּר נָא עַבְדְּךָ דָבָר בְּאָזְנֵי אֲדֹנִי" - דארף א ערקלערונג, מיט וועמען האט ער דען גערעדט ביז יעצט?

ערקלערט דער **דובנער מגיד**:

עס האט א גרויסע השפעה וויאזוי די ווערטער ווערן געזאגט, אמאל נאכמער פון די ווערטער אליין. צ.ב.ש. פון דער טאן און דער נוסח און די געפיהל וואס ליגט אין די ווערטער קען מען זיך איבערצייגן צי דער וואס רעדט בעהט זיך מיט תחנונים, אדער ער רעדט מיט חוצפה. וועגן דעם האט יהודה געזאגט: "יְדַבֶּר נָא... בְּאָזְנֵי אֲדֹנִי" - איך וויל מיינע ווערטער זאלן אנקומען גראד צו דיינע אויערן, אן א מתורגמן - א איבערטייטשער, און איך בין זיכער אז ווען דו וועסט הערן די רייד וואס קומען ארויס פון מיין מויל וועסטו אננעמען מיין בקשה.

ענליך צו דעם האבן חז"ל אנגעווארנט אויף תפילה (אבות ב יג): "וכשאתה מתפלל, אל תעש תפלתך קבע אלא רחמים ותחנונים לפני המקום ברוך הוא". ווייל כדי די תפילה זאל אנגענומען ווערן איז עס אנגעהאנגען אין די צורה וויאזוי עס ווערט געזאגט; און נאר אויב דער מענטש דאוונט עניוות'דיג און מיט א לשון תחנונים, וועט זיין תפילה אנגענומען ווערן.

'אהל יעקב'

### 'באין מליץ יושר' - 'צדקנו במשפט'

"יְדַבֶּר נָא עַבְדְּךָ דָבָר בְּאָזְנֵי אֲדֹנִי וְאַל יִחַר אַפְּךָ בְּעַבְדֶּךָ" (מד יח)

די טענה פון יהודה איז שווער צו פארשטיין: די ברודער האבן דאך קלאר געזאגט פאר יוסף (לעיל פס' ט): "אֲשֶׁר יִמָּצֵא אִתּוֹ מֵעֲבָדֶיךָ וָמֵת וְגַם אֲנַחְנוּ נִהְיֶה לַאדֹנִי לַעֲבָדִים", און יוסף האט געזאגט אז ער וועט נאר איינשפארן דעם "אשר נמצא הגביע בידו", איז וואס איז יעצט די טענה פון יהודה?

ענטפערט **רבי יוסף שאול נאטאנזאהן** מיט דער יסוד וואס **רבינו אליעזר אשכנזי** שרייבט אין זיין ספר 'מעשי ה'" (מעשי תורה יב), ווען א מענטש זינדיגט מיט זייער א הארבע זינד, אזוי ווייט אז מ'קען אים נישט שטראפן לויט וואס ער האט געטוהן, מוז מען אים אינגאנצן פטר'ן, און אויך נישט שטראפן מיט א גרינגע שטראף, ווייל מ'קען נישט געבן א גרינגע שטראף אויף א גרויסע און א הארבע זינד.

וועגן דעם, ווען משה האט געבעהטן פון השי"ת ער זאל מוחל זיין פאר די אידן אויף דער חטא העגל, האט גרויס געמאכט זייער זינד (שמות לב לא) זאגנדיג: "אָנָּא חָטָא הָעָם הַזֶּה חֲטָאָה גְדֹלָה" - און דורך דעם וועט ער מוחל זיין.

אויך יהודה האט דאס גע'טענה'עט פאר יוסף: אויב דו קענסט אונז נישט שטראפן לויט וואס עס קומט אונז, קענסטו אונז נישט שטראפן מיט א גרינגע שטראף און איינשפארן נאר בנימין, נאר דו דארף אונז אלע באפרייען.

מיט דעם טייטש רבי יוסף שאול אונזער בקשה אין די ימים הנוראים: "באין מליץ יושר מול מגיד פשע" - ווייל אונזערע זינד זענען זייער גרויס, און ווען: "תגיד ליעקב דבר חק ומשפט" - וועט מען זעהן אז עס איז נישט פארהאנען א שטראף וואס קען מכפר זיין אויף אונז, דעמאלטס מוזסטו אונז אינגאנצן פטר'ן פון א שטראף - "וצדקנו במשפט המלך המשפט".

'דברי שאול' ליקוטים

## רזי אמונים
רמזים פון אמן אין די פרשה

### די ברודער האבן זיך דערשראקן פון 'אמן'

"וְלֹא יָכְלוּ אֶחָיו לַעֲנוֹת אֹתוֹ כִּי נִבְהֲלוּ מִפָּנָיו" (מה ג)

דער חשבון פון די מילוי פון די אותיות 'יוסף' [די אותיות ו' און ד' וואס זענען די מילוי פון דער יו"ד, י' און ו' פון וי"ו, מ' און כ' פון סמ"ך און ה' פון פ"ה] זענען צ"א - אזוי ווי די גימטריה פון 'אמן', און דאס איז די כוונה: "כִּי נִבְהֲלוּ מִפָּנָיו" - זיי זענען דערשראקן געווארן פון דער סוד פון 'אמן' וואס איז מרומז אין ['פנים'] די אותיות פון זיין נאמען.

'אדרת אליהו' [פון רבי יוסף חיים פון באגדאד]

### 'פושעי ישראל' איז א תנאי ביים דאווענען

"אִם לֹא יֵרֵד אֲחִיכֶם הַקָּטֹן אִתְּכֶם לֹא תֹסִפוּן לִרְאוֹת פָּנָי" (מד כג)

**רבי עוזיאל מייזליש** דער ניישטאטער רב טייטש דעם פסוק ווי א רמז אויף די גמרא (כריתות ו ב): "כל תענית שאין בה מפושעי ישראל אינה תענית", און דאס איז דא מרומז אין די תורה: "אִם לֹא יֵרֵד אֲחִיכֶם הַקָּטֹן אִתְּכֶם" - אויב ענק ווערלן נישט ארייננרעכענען די פושעי ישראל צוזאמען מיט ענקערע תפילות, דעמאלטס "לֹא תֹסִפוּן לִרְאוֹת פָּנָי" - ווען ענק דאווענען.

'תפארת עוזיאל' שה"ש

### נאר יוסף האט זיי געווארנט נישט גיין קיין פסיעה גסה

"וַיְשַׁלַּח אֶת אֶחָיו וַיֵּלֵכוּ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אַל תִּרְגְּזוּ בַּדָּרֶךְ" (מה כד)

די גמרא (תענית י ב, רש"י ברענגט עס דא אראפ) טייטש אויס די ווערטער פון יוסף: זיי זאלן נישט גיין גרויסע טריט, ווייל דאס מאכט שוואך די אויגן. לכאורה דארף מען פארשטיין: פארוואס האט יעקב זיי נישט אנגעווארנט אויף דעם בעפאר זיי זענען אראפ קיין מצרים?

ענטפערט דער **מהרא"ל צינץ**:

ס'שטייט אין גמרא (שבת קיג ב) אז די אויגן וואס זענען אפגעשוואכט געווארן דורך גיין א 'פסיעה גסה', קען מען אויסהיילן דורך טרינקען פון די ווין פון קידוש שבת ביינאכט. לויט דעם קען מען זאגן, אז בעפאר זיי זענען ארויס קיין מצרים האט יעקב זיי נישט געדארפט דערמאנען אויף דעם, ווייל עס איז זיכער אז זיי אליין האבן אכטונג געגעבן אויף דעם, וויסנדיג אז זיי ווען זיך נישט קענען היילן מיט די קידוש ווין, ווייל פון ווען מ'האט פארקויפט יוסף האבן זיי נישט געטרינקען קיין ווין (שבת קלט א). יעצט אז זיי האבן זיך שוין געטראפן מיט יוסף און זיי קענען שוין טרינקען ווין, האט זיי יוסף געדארפט אנווארענען זיי זאלן נישט גיין "פסיעה גסה".

'קומץ המנחה'

### יעקב איז געשטאנען אקעגן פרעה

"וַיָּבֵא יוֹסֵף אֶת יַעֲקֹב אָבִיו וַיַּעֲמִדֵהוּ לִפְנֵי פַרְעֹה וַיְבָרֶךְ יַעֲקֹב אֶת פַּרְעֹה" (מז ז)

לכאורה וואס קומט דער פסוק אונז לערנען מיט די ווערטער: "וַיַּעֲמִדֵהוּ לִפְנֵי פַרְעֹה", עס וואלט גענוג געווען ווען עס שטייט: 'ויבא יוסף את יעקב אביו **אל פרעה**'?

זאגט **רבי משה הכהן פון נאראל** דער רב פון מעץ:

אין גמרא (סוטה לח א) שטייט, אז ווען די כהנים בענטשן די אידן דארפן זיי אויסדרייען זייערע פנים'ער אקעגן די וואס ווערן געבענטש. און מ'קען זאגן אז וועגן דעם באטאנט די תורה אז יוסף האט אוועק געשטעלט זיין פאטער יעקב "לפני פרעה", כדי ער זאל קענען בענטשן פרעה.

'ברכת טוב' [ווענעציע תע"א]



## צדיק שומר אמונים

עש"ק, ו' טבת, איז דער יארצייט פון הרה"ק רבי **יחזקאל שרגא זצ"ל פון שינאווא**, וואס אזוי ווי אסאך צדיקים האט ער זיך אויך געפירט צו הערן ברכות השחר פון עטליכע מענטשן, און אזוי שטייט אין ספר **'דברי יחזקאל'** (עמ' שיט):

**"דער שינאווער רב האט זיך משתדל געווען הערן יעדן טאג פון עטליכע מענטשן ברכות השחר כדי צו ענטפערן אמן אויף די ברכות".**

לאמיר אויך אזוי טוהן, מיר וועלן מקדיש זיין יעדן אינדערפריה עטליכע מינוט הערן ברכות השחר פון אנדערע, און עס וועלן זיך עפענען פאר אונז די שערי שמים, און אונזערע תפילות זאל אנגענומען ווערן ברחמים וברצון.

**ברכות השחר: אויפן קול מיט כוונה מיט א חברותא.**

# תענה אמונים

א בליק לויטן
סדר פון דאווענען

## ברכת המזון - ברכת הזן (ב')

### די ברכה בלשון נסתר

אנדערשט פון די קומענדיגע צוויי ברכות 'הארץ' און 'בונה ירושלים' ['נודה לך' און 'רחם נא'] וואס ווערן געזאגט בלשון נוכח, איז די ערשטע ברכה די 'ברכת הזן' בלשון נסתר: "הוא נותן לחם לכל בשר...", און עטליכע ערקלערונגען זענען געזאגט געווארן אויף דעם.

א. רבי לייב אופנהיים פון גלוגא ערקלערט לויט וואס די גמרא זאגט (יומא נד א) אז אין די צייט וואס די אידן זענען געווען אין מדבר, זענען זיי געווען גערעכנט ווי א 'כלה בבית אביה' וואס דעמאלטס איז זי נאכנישט היימיש מיט איר חתן, און נאר נאך ווען זיי זענען אריין אין ארץ ישראל זענען זיי געווארן ווי א 'כלה בבית חמיה', ד.מ. ווי א כלה נאך די חתונה וואס איז שוין היימיש מיט איר חתן. וועגן דעם, די ערשטע ברכה וואס משה רבינו האט מתקן געווען פאר די אידן זייענדיג אין מדבר, בעפאר זיי זענען אריין אין ארץ ישראל, האט ער מתקן געווען בלשון נסתר, אבער די ברכות 'נודה לך' און 'רחם נא' וואס יהושע און דוד האבן עס מתקן געווען נאכן אריינגיין אין ארץ ישראל, זענען געזאגט געווארן בלשון נוכח [און די ברכה 'הטוב והמטיב' וואס מ'האט מתקן געווען נאכן חורבן איז בלשון נסתר, ווייל דעמאלטס איז די שכינה שוין נישט געווען צווישן כלל ישראל] ('מטה יהודה', אויפנבאך תפ"א).

ב. רבי צדוק הכהן פון לובלין ערקלערט לויט די גמרא (כתובות קי ב) וואס זאגט: "כל הדר בארץ ישראל - דומה כמי שיש לו אלו-ה, וכל הדר בחוצה לארץ - דומה כמי שאין לו אלו-ה". לויט דעם פארשטייט מען גוט, די ברכה 'הזן' וואס מ'האט מתקן געווען בעפאר מ'איז אריין אין ארץ ישראל, בעפאר די אידן זענען געווארן 'כמי שיש לו אלו-ה' האט מען מתקן געווען בלשון נסתר, און די צוויי ברכות 'הארץ' און 'בונה ירושלים' וואס מ'האט מתקן געווען נאכן אריינגיין אין ארץ ישראל האט מען מתקן געווען בלשון נוכח ('צדקת הצדיק' אות רמז).

ג. הגר"ח קנייבסקי שליט"א ערקלערט: ווייל די ברכה פון הזן האט מען מתקן געווען אין די צייט וואס די אידן זענען געווען אין מדבר, ווען די שכינה האט גערוהט צווישן זיי בייטאג און ביינאכט מיט א התגלות, מיט א עמוד אש און א עמוד ענן, איז צוליב דעם כבוד פון השי"ת נישט פאסיג צו מתקן זיין א לשון נוכח (ראה שו"ע יו"ד רמב טז; כג), אבער די צוויי ברכות 'הארץ' און 'בונה ירושלים' וואס מ'האט מתקן געווען נאכן אריינגיין אין ארץ ישראל, האט מען געקענט מתקן זיין בלשון נוכח ('תפילה למשה' ברהמ"ז).

### א ספעציעלע בקשה פאר די אידן

ווי געזאגט, די ברכה האט מען מתקן געווען ווען די מן איז אראפ געקומען פון הימל, און מיר לויבן אויף דעם וואס אין לויף פון די פערציג יאר וואס אונזערע עלטערן זענען געווען אין מדבר האט זיי נישט געפעלט קיין שפייז, דורך די מן וואס דער אויבישטער האט זיי אראפגעשיקט פון הימל, אזוי ווי עס שטייט (נחמיה ט כא) "וְאַרְבָּעִים שָׁנָה כִּלְכַּלְתָּם בַּמִּדְבָּר - לֹא חָסֵרוּ" (אבודרהם).

פונעם לשון פון די גאנצע ברכה זעהט אויס, אז דער לויב וואס ווערט דא דערמאנט גייט ארויף אויף די טובה וואס די גאנצע וועלט האט פון דעם, און אזוי ווי עס זעהט אויס אין די ווערטער "את העולם כולו... הזן את הכל". אבער דער לויב און די בקשה - "תמיד לא חסר לנו ואל יחסר לנו" - גייט ארויף נאר אויף די אידן. וועגן דעם, ווען מיר רעדן איבער די גאנצע וועלט דערמאנען מיר נאר "בטובו", אבער ווען עס האנדלט זיך איבער די אידן לייגן מיר צו: "ובטובו הגדול". ווייל דער נס פון די מן איז געקומען פאר די אידן מיט א ספעציעלע און א געוואלדיגע מאס פון גוט'סקייט, ווייל אין דער צייט וואס די מן איז געקומען פאר די אידן האט זיי קיינמאל גארנישט געפעלט, ווייל אויך דער וואס האט צוזאמגענומען ווייניגער פון וואס עס האט אים אויסגעפעלט, איז פון זיך אליינס פארמערט געווארן, אזוי ווי עס שטייט (שמות טז יח): "והממעיט לא החסיר" (הגש"פ 'אור החמה').

### א הודאה על העבר און א בקשה על העתיד

אינמיטן די לשונות פון לויב אין די ברכה פון 'הזן' לייגן מיר צו א בקשה, 'ובטובו הגדול תמיד לא חסר לנו ואל יחסר לנו מזון לעולם ועד', וואס די כוונה פון דעם איז, אזוי ווי אין מדבר האט נישט געפעלט פאר קיינעם קיין שפייז, אזוי זאל זיך ווייטער ציעהן דער חסד אויף אונז און עס זאל אונז קיינמאל נישט פעלן קיין שפייז ('עץ יוסף'). בדרך פשט קען מען זאגן אז די בקשה וואס מ'דערמאנט דא איז כדי מ'זאל קענען ענדיגן די 'הזן' מיט א 'ברוך', ווייל מיר האבן דאך א כלל (ראה רש"י כתובות ז ב ד"ה ברכת) אז יעדע ברכת השבח וואס מ'איז נישט מפסיק אינמיטן מיט א בקשה ענדיגט מען נישט מיט א 'ברוך' ('ויעש אברהם' עמ' שמה).

עס זענען דא וואס ערקלערן לויט וואס עס ווערט געברענגט אין פירוש הטור עה"ת (בראשית כט לה), אז יעדע מאל ווען א מענטש לויבט אויפן עבר, דארף ער צולייגן א בקשה אויפן עתיד, כדי עס זאל נישט אויסזעהן כאילו ער דארף נישט ווייטער די טובה. וועגן דעם אינמיטן זאגן 'הלל' זענען מיר מפסיק מיט א בקשה: "אנא ה' הושיעה נא אנא ה' הצליחה נא", און אויך ביים בענטשן נאכן לויבן אז: "תמיד לא חסר לנו", לייגן מיר באלד צו א בקשה: "ואל יחסר לנו" ('ברכת אברהם' פסחים - הגש"פ).

אויף נאך א וועג ערקלערט מען די בקשה לויט וואס דער גר"א ערקלערט וואס מיר זאגן ביי תפילת 'נשמת': "עד הנה עזרונו רחמיך... ואל תטשנו ה' אלוקינו לנצח", נאך וואס מיר האבן איינערקענט אז אן השי"ת'ס רחמנות וואלטן מיר נישט געקענט עקזיסטירן ביז יעצט, קענען מיר זיין רואיג אז אויך ווייטער וועט דער ריבונו של עולם רחמנות האבן אויף אונז און וועט אונז קיינמאל נישט פארלאזן. אויך דא קען מען טייטשן אויף דעם וועג: נאך וואס מיר האבן איינערקענט אז נאר "בטובו הגדול תמיד לא חסר לנו", זענען מיר פארזיכערט: "אל יחסר לנו מזון לעולם ועד" (הגש"פ 'בני יהודה').

מ'דארף אנצייכענען אז לויט די ערקלערונג קומט אויס אז די ווערטער: "ואל יחסר לנו מזון" איז א טייל פון די ההודאה, און נישט קיין בקשה אויפן העתיד, און ענליך צו דעם שטייט אין 'עיון תפילה' ('אוצר התפילות') און אין 'עולת תמיד' (פ"ל). און לכאורה איז דא אין דעם א נפקא מינה, וואס מ'דארף אינזין האבן ביים ענטפערן 'אמן' נאך די ברכה, ווייל אויב עס איז א בקשה, דארף מען אינזין האבן 'אמת און הלואי', און אויב עס איז נאר א שבח, דארף מען נאר אינזין האבן 'אמת' [אבער אין 'עולת תמיד' (פכ"ג) שרייבט ער אז מ'דארף אינזין האבן 'אמת און הלוואי', וצ"ע].

# מעשה אמונים

א ווענכטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## מה נורא המקום... וזה שער השמים

יום כיפור. די וואס זענען געקומען דאווענען אינעם גרויסן שוהל אין די שטאט בערלין זיצן שוין א לאנגע אויף זייערע פלעצער, אנגעטוהן מיט א קיטל און פארדעקט מיט ווייסע טליתים. יעצט האט מען געגעבן דער צייכן אז מ'האט געענדיגט תפילת שחרית מיט קריאת התורה, ווען דער גבאי האט געגעבן א קלאפ אויפן בימה און אויסגערופן: "יזכור!".

אסאך פון די מתפללים האבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע פלעצער, מערסטנס די יונגע פון זיי, און זענען ארויס פון שוהל, צוליב דער מנהג אז נאר די קינדער פון די נפטרים בלייבן איבער אין שוהל בשעת'ן זאגן די תפילה פון יזכור אויף זייערע נאנטע וואס זענען נפטר געווארן.

אינדרויסן פון שוהל איז געווען א גרויסע גרודער איבערהויפט פון די קינדער וואס האבן אויסגענוצט די הפסקה אויף זיך צו שפילן, און פלוצלינג איז אלעס שטיל געווארן.

נישט לאנג צוריק האט זיך געענדיגט די ערשטע וועלט'ס קריג, ווען דייטשלאנד איז צוקלאפט געווארן דורך די אנדערע לענדער. אנשטאט די געפיהלן פון בושה האט זיך אנגעזעהן געפיהלן פון נאציליזעם, די אנטיסימעטיזעם האט אויפגעהויבן די קאפ, און די אנגעצויגנקייט צווישן די דייטשע אידן איז געווען גרויס.

די שרעק פון די מתפללים האט זיך ערוועקט זעהנדיג א שווארצע און שיינע אויטא פון די רעגירונג וואס פארט צו די ריכטונג פון שוהל, און באגלייטונג פון עטליכע פאליציי מאשינען, און האט זיך אפגעשטעלט נאנט צום שוהל.

די אומגעווענליכע ערשיינונג האט ערוועקט א שרעק צווישן די מתפללים; ווער ווייסט וואס די רעגירונג וויל אויף זיי ארויפווארפן... אבער ווי גרויס איז געווען זייער איבערראשונג, ווען עס האט זיך געעפענט די טיר פון די שיינע אויטא, און פון דארט איז ארויס געקומען א געשטאלט וואס איז געווען באקאנט פאר עטליכע פון די עלטערע מתפללים.

דער איז געווען נישט קיין צווייטער פון וואלטער ראטנהאו, וואס איז דעמאלטס געווען א מיניסטער אין די נייע דייטשע רעגירונג, און שפעטער איז ער געשטעלט געווארן צו זיין דער 'אויסערן מיניסטער' ביז ער איז גע'הרג'עט געווארן דורך טעראריסטן. ראטנהאו איז געווען אסימילירטער איד, ער האט געשטאמט פון די רייכע פאמיליעס אין דייטשלאנד, א פאמיליע וואס איז באקאנט געווארן דורך די עלעקטריק קארפארעישן 'איי א דזשי' וואס האט געהערט פאר זיי און עס שטייט נאך ביזן היינטיגן טאג. דער מענטש איז באקאנט געווען אלץ גאר א שארפער מח און מיט זיין אויסער געווענליכע עקאנאמישע טאלאנט, און צוליב דעם האט מען אים אויפגענומען ער זאל פראבירן צוריק שטעלן די לאנד אויף אירע פיס.

יעצט האט ער אלעמען איבערראשט ווען ער איז אריין אין שוהל אינמיטן די תפילה פון 'יזכור', ער האט גענומען א סידור פון ספרים שאפע, ער האט ארויף געלייגט א ווייסע קאפל אויף זיין קאפ און האט אנגעהויבן זאגן 'יזכור' מיט גרויס ברען לזכר די נשמה פון זיין פאטער וואס איז לעצטנס נפטר געווארן.

די מתפללים האבן באטראכט זיין געשטאלט מיט א בליק פון איבערראשונג און נייגעריגקייט פון איין זייט, אבער פון די אנדערע זייט האבן זיי געלאכט און געשפעט פון אים; קומען אין שוהל אינמיטן יום כיפור, ווען ער איז מחלל דעם הייליגן טאג אויף אזא געפערליכן אופן, נאר כדי צו זאגן 'יזכור' אויף זיין פאטער וואס איז נפטר געווארן... וואו איז אזאנס געהערט געווארן?!

אין אמת'ן, זיין אויפפירונג האט אינגאנצן געשטימט מיט זיינע מיינונגען, וואס איז באקאנט געווען אין זכות פון די סעריע ארטיקלען וואס ער האט געשריבן אין די דייטשע צייטונגען, ווי דארט האט ער געשריבן פאר די אידן זיי זאלן זיך אויסמישן מיט די דייטשע פאלק און מוותר זיין אויף זייער אידישקייט. עפ"ל. אבער אפשר פון דעסוועגן - איז אדורך אין זייער הארץ א געדאנק - עפעס אין אים האט זיך ווי עס זעהט אויס ערוועקט און צוגעברענגט ער זאל קומען אין שוהל אין יום הקדוש.

די תפילה פון 'יזכור' האט מען געענדיגט. די מתפללים האבן זיך געוואנדן צוריק אריין גיין אין שוהל, און דער מיניסטער איז ארויס פון שוהל, אן צו טוישן א ווארט מיט די ארומיגע, ער האט זיך געוואנדן צו זיין אויטא וואס האט אים געווארט אינדרויסן פון שוהל און איז אוועק געפארן, ווען ער לאזט איבער די אידן געשאקט און נייגעריג.

נאך א גאסט איז געווען אין שוהל יענעם יום כיפור. דער איז געווען, להבדיל, דער יונגער גאון רבי יחיאל יעקב וויינבערג, וואס מיט יארן שפעטער איז ער באקאנט געווארן אלץ דער בעל 'שרידי אש'. הרב וויינבערג וואס האט זיך אין יענע טעג אויפגעהאלטן אין בערלין צוליב זיינע לימודים, האט באשלאסן דאווענען די תפילות פון יום כיפור אין דעם שוהל, און ווען ער האט באמערקט אז עפעס א טומל קומט פאר האט זיך אינטערעסירט אויף דעם.

"רבותי!", האט הרב וויינבערג שטיל געמאכט די ארומיגע, "לאמיר פארזעצן דעם סדר התפילה, עס פאסט נישט אז אזא סארט פאסירונג זאל אונז שטערן דעם סדר פון יום כיפור".

"און אין יעדנספאל", האט הרב וויינבערג צוגעלייגט מיט א שטארקע טאן, "קיינמאל טאר מען נישט גרינגשעצן אין א אידישע געפיהל וואס ווערט ערוועקט אין הארץ פון א איד, ווייט ווי נאר ער זאל נישט זיין. עס איז נישט ספק אז די אידישע געפיהל פון מכבד זיין די עלטערן האט ערוועקט דעם מיניסטער ער זאל קומען אין שוהל זאגן יזכור, און איך בין זיכער אז אזא געפיהל קען זיין א עפענונג פאר אים צי אפשר פאר זיין פאמיליע צו האבן א ריכטיגע ערוועקונג זיך צוריק קערן אינגאנצן צו די אמונה".

אלץ א ראיה צו זיינע ווערטער האט הרב וויינבערג אויסגעטייטש פאר די צוהערהער די ווערטער פון יעקב: "מה נורא המקום הזה, אין זה כי אם בית אלוקים וזה שער השמים", און אין גמרא (חולין צא ב) דרש'נט מען אז די התעוררות פון יעקב ער זאל דארט דאווענען, איז געווען צוליב דעם וואס זיינע אבות האבן דארט געדאוונט.

לכאורה דארף מען פארשטיין, אויף דעם פלאץ גייט מען דאך אויך אויפבויען דעם בית המקדש, איז פארוואס איז יעקב נישט נתעורר געווארן פון דעם?

נאר מ'קען זאגן, אז דאס איז דער כח פון א הייליגע געפיהל וואס ווערט נתעורר אין א איד צוליב די ענין פון מכבד זיין זיינע עלטערן, אויף די געפיהל האט יעקב זיך אנגערופן: "וזה שער השמים!" - דאס איז דער טויער און עפענונג זיך צו דערנענטערן צו די שכינה.

א קורצע צייט נאכדעם האט ראטנהאו פארענדיגט זיין לעבן אויף א טראגישן וועג, ווען א גרופע אנטיסעמיסטן האבן אים דער'הרג'עט פארנדיג אויף די גאסן פון בערלין.

*

דער פאזעצונג פון די ערציילונג האט דערציילט דער תלמיד פון הרב וויינבערג וואס פארשפרייט זיין תורה אויף דער וועלט, הרב אברהם אבא וויינגורט:

"כמעט הונדערט יארן זענען דורכגעלאפן פון יענע פאסירונג. אין יענע צייט האט מען מיך איינגעלאדנט איך זאל קומען איבער געבן א דרשה אין א פריוואטן הויז אין די שטאט מודיעין, אין די ראם פון שיעורי תורה וואס איז דארט געזאגט יעדן מוצאי שבת.

איך האב באשלאסן רעדן איבער דעם ענין פון 'כיבוד הורים', ווען אינמיטן האב איך דערציילט דעם אויבנדערמאנטע ערציילונג אין נאמען פון מורי ורבי הרב וויינבערג.

ווי גרויס איז געווען מיין התרגשות ווען ביים ענדיגן די ערציילונג האט זיך אויפגעשטעלט איינער פון די אנוועזנדע און האט זיך אנגערופן: 'דער רב האט דערמאנט 'ראטנהאו'?! איך בין זיינס א אייניקל!'.

איך בין איבערראשט געווארן ביז צו די טיפענישן פון מיין נשמה פון די וואונדערליכע השגחה וואס האט זיך אנטפלעקט אקעגן מיינע אויגן. אט, יעצט האב איך געענדיגט דערציילן די ערציילונג פון מורי ורבי, און ווי עס זעהט אויס איז עס געווען ממש ווי א נבואה.

ריכטיג, טאקע אזוי, די הייליגע פינק וואס האט זיך ערוועקט אין דעם פרייען איד ווען ער האט געזאגט 'יזכור' לכבוד די נשמה פון זיין פאטער, איז אסאך יארן שפעטער אנגעצינדן געווארן אין די נשמה פון זיין אייניקל, וואס האט תשובה געטוהן און איז געווארן א ערליכער איד א שומר תורה ומצוות.

'חידושי בעל שרידי אש' ח"ג בהקדמת המו"ל

שי עיצובים shay